# צום פינטל

גליון עא

פרשת פקודי תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה

### וכבוד ה' מלא את המשכן

### ◆ נסתלק הענן

סוף פרשה שטייט אז דער 'ענן' האט אנגעפילט די 'אהל מועד' און משה האט נישט געקענט אריינקומען, רש"י הקדוש זאגט אז שפעטער איז דער 'ענן' אוועקגעגאנגען, 'נסתלק הענן', און דעמאלטס איז משה אריינגעקומען און די שכינה האט גערעדט מיט אים ('מאוהל מועד'). ענדליך צו דעם טרעפט מען ביים 'בית המקדש' אין ספר מלכים (א פרק ח פסוק י) אז דער 'ענן' האט אנגעפילט די 'בית המקדש', און די כהנים האבן נישט געקענט אריינגיין, און ווי ס'קוקט אויס איז דער 'ענן' שפעטער נסתלק געווארן אז די כהנים זאלען קענען אריינגעגאנגען. (שם "ויהי בצאת הכהנים מן הקדש והענן מלא את בית ידוד: ולא יכלו הכהנים לעמד לשרת מפני הענן כי מלא כבוד ידוד את בית ידוד", ואומרים אותו בהפטורת פקודי).

נאך א ענדליכע זאך טרעפט מען, שטייט (רש"י בספר איוב) אז ווען אהרן איז אריינגעקומען יעדעס יאר אין קדשי קדשים יום כיפור, האט זיך די שכינה הקדושה געדרוקט אינדערזייט אז אהרן זאל נישט ניזק ווערן, כביכול דער אייבישטער האט געמאכט פלאץ פאר אהרן.

מ'דארף פארשטיין וואס מיינט דאס וואס רש"י זאגט 'נסתלק הענן', בשעת מ'האט געצויגן ווייסט מען אז דער 'ענן' איז נסתלק געווארן, אבער סתם אזוי איז דער 'ענן' קיינמאל נישט אוועקגעגאנגען. די פסוק זאגט 'כסה הענן המשכן וכן יהיה תמיד הענן יכסנה', ס'איז נישט געווען אזא זאך אז דער ענן זאל נסתלק ווערן, ווילאנג דער משכן איז געשטאנען אויף איין פלאץ, ווי לאנג מ'האט נישט געצויגן, האט דער ענן גערוט אויפן משכן. אויך איז דאס עפעס א שטיקל 'תרתי דסתרי', אויב איז דער 'ענן' טאקע אוועקגעגאנגען, איז וואס מיינט דאס אז די שכינה האט גערעדט צו אים, די שכינה איז דאך מלובש אין די 'ענן' כביכול, און די 'ענן' איז מער נישטא.

די מפרשים זאגען אז 'נסתלק הענן' מיינט נאר א געוויסע דרגא, די שכינה הקדושה האט זיך כאילו גערוקט אין א זייט כביכול, גענוג אז משה רבינו זאל קענען אריינקומען. די שכינה איז נסתלק געווארן פונעם 'אהל מועד', און די שכינה איז אריין אינדערווייניג אין קדשי קדשים,


**קודם האט דער אייבישטער געוואלט ווייזן אז דאס איז זיין דירה, ער שפרייט זיך אויס כביכול אין איין גאנצע דירה. די 'משכן' כביכול איז אזויווי זיין הויז, אבער נאכדעם איז די שכינה נסתלק געווארן, כדי צו געבן פלאץ פאר משה רבינו**


אזוי האט משה רבינו באקומען פלאץ אריינצוקומען אין 'אהל מועד' און הערן דעם דבר השם (מקרא מפורש בשם באר בשדה). אנדערע זאגען אז ס'איז געווארן א 'שביל' פאר משה אין די ענן אריין, ענדליך ווי די שיטה אין גמרא (יומא דף ד ע"א) ביי די 'ענן' פון 'מתן תורה', אז ס'איז געווארן א 'שביל' פאר משה אריינצוקומען אין די 'ענן' אריין (ועי' בלשון הרמב"ן שנסתלקה השכינה 'מכל' האוהל מועד).

### ◆ ביום כלת משה

מ'דארף פארשטיין, אויב שפעטער איז די שכינה נסתלק געווארן און געמאכט פלאץ, פארוואס מתחלה האט זיך די שכינה אויסגעשפרייט אין די גאנצע 'אהל מועד'. ענדליך צו דעם איז שווער ביי די בית המקדש, אויב שפעטער האט זיך דער 'ענן' גערוקט אין א זייט, פארוואס מתחלה האט עס דער אייבישטער אויסגעשפרייט איבראל.

ביי א חתונה קוקט אויס אז די חתן וכלה בויען צוזאמען זייער שטוב בשותפות, אבער אין חז"ל זעט מען אז דער 'חתן' איז דער וואס נעמט אריין די כלה, דער חתן האט שוין קונה געווען די 'דירה' פון פארדעם, און ביי די חתונה ברענגט ער איר אריין צו זיך. דאס איז די הבנה פון 'חופה', דער 'חתן' שיקט שלוחים אויפצופיקען די כלה פון איר טאטעס הויז, און ער ברענגט איר אריין צו זיך אריין. דער 'חתן' גייט ארויס אנטקעגן, ער דעקט איר צו מיט א 'הינומא', און ער ברענגט איר צו זיך בדרך כבוד מיט א שיינע חופה (די חתן'ס באגלייטערס, מיט די כלה'ס באגלייטערס טרעפן זיך אונטער די חופה, מסרו שלוחי האב לשלוחי הבעל, זהו עיקר חופה כידוע).

צום ערשט איז דער מאַן 'ממלא' זיין שטוב, ער אליינס איז אין זיין שטוב, און ער פילט אָן זיין שטוב מיט די אייגענע 'כבוד' און שליטה, נאכדעם ווען ער וויל חתונה האבן, מיינט דאס אז ער וויל מאכן פלאץ פאר נאך איינעם, ער וויל זיך ריקן אין א זייט און מאכן פלאץ פאר זיין ווייב. דאס מיינט חתונה האבן, דאס איז די 'צורת החיים' פון חתונה, און דאס איז א חתונה געהאטע לעבן וואס ווערט נמשך. די עצם שטוב בלייבט זיינס, אבער ער מאכט פלאץ פאר איר, ער איז דער וואס לאזט איר פירען די שטוב.

דאס קען זיין פשט דא ביי די משכן, מתחלה האט דער 'ענן' ממלא געווען די גאנצע אהל מועד, קודם האט דער אייבישטער געוואלט ווייזן אז דאס איז זיין דירה, ער שפרייט זיך אויס כביכול אין איין גאנצע דירה. די 'משכן' כביכול איז אזויווי זיין הויז, אבער נאכדעם איז די שכינה נסתלק געווארן, כדי צו געבן פלאץ פאר משה רבינו, און נישט פשט אז ס'איז ממש נסתלק געווארן, נאר פשט איז אז יעצט איז ער דער וואס מאכט די פלאץ פאר משה רבינו, דייקא נאכדעם וואס די שכינה האט שוין געוויזן בעלות אויף די


המשך בעמוד הבא

גאנצע משכן, דייקא יעצט איז ער דער וואס מאכט דיר פלאץ.

שטייט אין פסוק (במדבר ז א) 'ויהי ביום כלות משה', זאגט רש"י 'כלת כתיב', מ'קען עס מרמז זיין אויף משה רבינו זעלבסט, כאילו כביכול דער אייבישטער איז געווען מצד החתן, און משה רבינו איז געווען כביכול מצד הכלה, וואס דעמאלטס קומט אויס אז כאילו דער חתן האט געמאכט פלאץ פאר די כלה, דער אייבישטער כביכול האט געמאכט פלאץ פאר משה אריינצוקומען אין אהל מועד.

און דאס איז אויך פשט ביי די 'חנוכת הבית' פון בית המקדש, דער אייבישטער האט אנגעפילט די גאנצע בית המקדש, דער אייבישטער כביכול איז אראפגעקומען וואוינען דא אונטען, זיין כבוד און זיין שליטה האט זיך אויסגעשפרייט אין די גאנצע בית, און די כהנים האבן נישט געקענט אריינגיין טון די עבודה, ס'איז נאר געווען דעם אייבירשטן'ס הויז, שפעטער האט דער אייבישטער כביכול געמאכט פלאץ, אזוי זאלן זיי קענען אריינקומען טון די עבודה און מתפלל זיין ביים אים כביכול. און ווי געשמועסט אז יעצט איז ער דער וואס מאכט פלאץ, כביכול ס'איז זיין הויז, און ער נעמט אונז אריין צו זיין הויז (עי' בענין התפשטות וסילוק בעת בריאת העולם בספרי הלשם כמה פעמים).

### • יראת הרוממות

דער מלבי"ם רעדט אויך ארום פון די שוועריגקייט, וואס מיינט דאס 'נסתלקה הענן', ער איז מסביר אז די שכינה איז נישט ממש נסתלק געווארן, ס'איז ענדערשט עס צו אנצורופן אז די שכינה האט זיך באהאלטן. קודם האט דער 'ענן' אנגעפילט די אהל מועד, מ'האט געזען די 'גילוי שכינה' באיתגליא, נאכדעם האט זיך די שכינה באהאלטן, אז משה רבינו זאל קענען אריינקומען.

ווען דער 'ענן' איז געווען באיתגליא איז אלעס געווארן בטל, די 'יראת הרוממות' איז געווען שטערקער ווי אלעס, ממילא איז נישט געווען מעגליך אריינצוגיין אין אהל מועד, נאכדעם האט דער אייבישטער מסתיר געווען כבודו, דער אייבישטער האט מסתיר געווען די יראה, כדי אז משה רבינו זאל קענען אריינקומען. (נאר די 'חוש הראיה' האט דער אייבישטער מסתיר געווען, נישט די חוש השמיעה, אזוי אז משה רבינו האט געקענט הערן דעם דבר ה').

משל למה הדבר דומה, א יונגערמאן לערנט מיט א בחור, דער יונגערמאן גייט זיך ארויס אינגאנצן, ער איז מסביר די גמרא מיט די גאנצע געשמאק און קאך, אבער צומאל באהאלט ער זיך, ער שטעלט אַן א פנים כאילו ער קען נישט די גמרא, אזוי זאל דער בחור קענען אליין אנפירן מיט די הבנה אין די גמרא, דער בחור זאל פילן 'פלאץ' אליינס ארויסצוקומען מיט א קלארקייט, אליינס ארויסצוברענגען זיינע אייגענע כוחות. א ענדליכע זאך איז אמאל דא, אז טאטע און מאמע גייען אמאל אוועק פון דערהיים, בדוקא צו געבן פאר די קינדער א 'מקום' זיך אליינס, לאז זיי זיך אויסלערנען אליינס א עצה צו געבן.

[אויף די קשיא בכלל וויאזוי 'משה רבינו' האט געקענט אריינגיין בשעת די ענן איז דארט געווען, איז דא אויף דעם אין די ראשונים נאך פארשידענע מהלכים, ס'איז דא וואס זאגן אז דער אייבישטער האט תופס געווען משה רבינו און אים אריינגעשלעפט בעל כרחו, ענדליך ווי די שיטה וואס די גמרא ברענגט אין מסכת יומא (דף ד ע"א) ביי מתן תורה אז דער אייבישטער האט אריינגעשלעפט משה רבינו אין די ענן אריין. נאך א מהלך איז דא, אז משה רבינו איז אריינגעקומען אין די 'ענן' דורך קריאה, סתם אזוי קען מען טאקע נישט אריינקומען אין די 'ענן' אריין, אבער דורך קריאה קען מען יא אריינקומען.

לעניננו, היות דער 'ענן' איז א ענין פון 'יראת הכבוד' א ענין פון 'יראת הרוממות', איז אויב דער אייבישטער שלעפט אריין, איז יא שייך אריינצוקומען. דער 'נברא' קען טאקע נישט 'מרוב פחד', אבער אויב ס'קומט מלמעלה איז עס עפעס אנדערשט].

### • הסתלקות השכינה

שטייט אין מדרש (מדרש הגדול ויקרא מ לד) אז פון חטא אדם הראשון האט די שכינה געהאלטן און איין נסתלק ווערן 'למעלה', די שכינה האט געהאלטן און איין ארויף גיין העכער און העכער צו נאר העכערע הימלען און נאך העכערע, נאכדעם ווען ס'איז געקומען צו אברהם אבינו האט די שכינה אנגעפאנגן אראפצוקומען, ביז מ'איז אנגעקומען צום בויען די משכן, וואס די שכינה איז אראפגעקומען אינגאנצן, ווי די לשון המדרש איז 'עמד משה והורידה לארץ, דכתיב וכבוד ה' מלא את המשכן'.

'הסתלקות השכינה' איז נישט קיין גוטע זאך, 'הסתלקות השכינה' ווייזט אויף א מצב פון עבירות און פון גלות, אבער ס'איז דא א 'הסתלקות השכינה' וואס איז יא א גוטע זאך, אויב די תכלית פון די הסתלקות השכינה איז צו געבן פלאץ פאר די תחתונים, און דאס איז געווען די 'הסתלקות השכינה' דא ביי די 'ענן', ס'איז געווען 'הסתלקות השכינה' לטובה, כדי משה רבינו זאל האבן א פלאץ און א מקום אריינצוקומען.

אסתר מן התורה מנין

שטייט אין פסוק 'ואנכי הסתר אסתיר פני', וואס איז די דאפעלטע לשון 'הסתר אסתיר', נאר די ערשטע דרגא פון 'הסתר' איז נישט דוקא שלעכט, גלות איז נאר ווען ס'איז 'הסתר אסתיר', ס'איז א דאפעלטע הסתרה. די חז"ל זאגן 'אסתר מן התורה מנין דכתיב ואנכי הסתר אסתר פני'. 'אסתר' אליינס איז נאר איין דרגא פון 'הסתרה', וואס דאס איז נישט קיין שלעכטע זאך, אבער אויב מ'פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין, ווערט פון די הסתרה, א דאפעלטע הסתרה, פון 'אסתר' ווערט 'הסתר אסתיר'.

נאכדעם וואס די יודן האבן תשובה געטון, האט דער אייבישטער זיי ארויסגענומען פון די דאפעלטע 'הסתרה', ער האט זיי צוריק געברענגט צו די פשוטע דרגא פון 'אסתר', צו די דרגא פון נסים שבתוך הטבע, ווי ס'איז מבואר אין ספרים אז דאס איז געווען די נס פון יום טוב פורים. יום טוב פורים איז נישט למעלה מדרך הטבע, יום טוב פורים איז בתוך ההסתר, בתוך הטבע. דער אייבישטער האט זיי ארויסגעלייזט פון די דאפעלטע הסתר, און ער האט זיי צוריק געברענגט צו די דרגא פון א הסתרה שבתוך הטבע.

משה רבינו האט געבעטן דעם אייבירשטן 'הראני נא את כבודך', און דער אייבישטער האט צוגעדעקט די שפאלט, דאס הייסט אז דער אייבישטער האט אים אויסגעלערנט אז כאטש איין דרגא פון 'הסתרה' מוז אלעמאל זיין, ווען נישט האט די בריאה נישט קיין מקום, ווען נישט וואלט אלעס צוריק געווארן בטל אזויווי בשעת די ערשטע זעקט טעג פון די וואך. די מציאות הבריאה איז א הסתרה אויפן אייבירשטן כביכול, און דאס איז א טובה פאר אונז אז אונז זאלן באקומען עפעס א פלאץ אויף די וועלט, אונז זאלן באקומען א מקום פאר א אייגענע בחירה, ווען נישט וואלט מען געווארן בטל במציאות אינגאנצן.

## מיט א פונטקליכקייט

די משכן איז געבויט געווארן מיט א מוראדיגע פינקטליכקייט, משה רבינו האט אוועקגעשטעלט די לויים צו מענידזשען, זיי האבן געמאכט זוכער אז אלעס ווערט געטון ווי עס באדארף צו זיין, די געלט וואס איז אריינגעקומען אין די קאסע איז געווען ב'מנין', און די געלט וואס איז ארויסגעגאנגן - צו בויען די משכן וכלים - איז געווען במנין, בצלאל און אהליאב האבן עס באקומען במנין, און בצלאל און אהליאב האבן עס אויך צוריקגעגעבן במנין (במיוחד די גאלד זילבער און קיפער, די טייערע זאכן, די תכלת וכו' שטייט נישט בפירוש אז ס'איז געווען במנין).

אלעס וואס די עושי המלאכה האבן געברענגט צו משה רבינו פארטיגערהייט, אלעס איז איבערגעטשעקט געווארן דורך די ממונים, זיי האבן זוכער געמאכט אז אלעס איז געמאכט געווארן פונקטליך אזויווי מ'האט עס באשטעלט (זע רש"י הקדוש אנפאנג פרשה 'ונמנו כל כליו לכל עבודתו' ועי' במפרשים).

די בנין המשכן איז געווען מיט דריי שלבים, מחשבה דיבור מעשה, פרשת תרומה האט דער אייבישטער מצוה געווען אויף די מלאכת המשכן, וואס דאס איז אנטקעגן מחשבה. פרשת ויקהל ווען משה זאגט עס איבער פאר די אידן, דאס איז אנטקעגן דיבור. און נאכדעם אין ויקהל פקודי ווי מ'מאכט די משכן במציאות, דאס איז איז אנטקעגן 'מעשה'. יעדער חלק פון די דריי, מחשבה דיבור מעשה, איז געווען מיט א מורא'דיגע מצב, ווי מ'זעט די גרויסע אריכות אין די תורה.

משל למה הדבר דומה: ווען א קהילה בויט א גרויסע בית המדרש, איז דא ביי דעם דריי שלבים, קודם רעדט מען פון דעם צווישן די ראשי קהילה, וואס דאס איז אנטקעגן 'מחשבה', נאך א שטיק צייט פאנגט מען אָן ארויסצוגעבן פארן עולם די פלענער, דאס איז אנטקעגען 'דיבור', דערנאך פאנגט זיך אָן די למעשה'דיגע חלק, די איינמאנען די נדבות למעשה, און דער עיקר אז מ'פאנגט טאקע אָן למעשה צו בויען. יעדער פון די דריי שלבים פון 'מחשבה דיבור מעשה', יעדער איז א גרויסע מצב פאר זיך, יעדער שלב נעמט א לאנגע צייט, יעדער שלב נעמט אריין גאר אסאך הארץ און מחשבה, יעדער שלב איז מען מדקדק פאר זיך אז ס'זאל זיין מיט א פונקטליכקייט, אלע מדרגות ווערט געמאכט בכבוד ובדקדוק גדול. ענדליך צו דעם איז געווען די עבודת המשכן, במחשבה דיבור ומעשה, יעדער שלב פאר זיך איז געווען א מצב גדול, וואס דאס אלעס לייגט גאר אסאך צו צו וואס מ'האט געשמועסט, די פונקטליכקייט און ערליכקייט וויאזוי מ'האט געבויט דעם משכן.

## פקד

די לשון 'פקד' טרעפט מען אויף פארשידענע טייטשן, 'פקד' איז א לשון פון 'מינוי', 'ויפקד המלך פקידים', 'פקד' איז א לשון פון ציילן, א לשון פון 'חסרון', 'ולא נפקד ממנו איש', אויך איז 'פקד' א לשון פון געדענקן (פקד פקדתי, וה' פקד את שרה). אז די

**די זהב כסף ונחושת, אלעס איז געציילט געווארן, ס'איז גארנישט געווען אונטערן טיש, אלעס האט מען געוויסט פונקטליך ווי סאך ס'איז אריינגעקומען און ווי סאך ס'איז ארויסגעגאנגען**

וועסט אריינטראכטן איז אלעס איין שורש, אלעס איז אונטער די שורש פון 'מענידזשן', א מענידזשער נעמט צוזאם די גאנצע ענין, ער שטייט איבער אלעס אכטונג צו געבן אז אלעס פארט ווי עס דארף צו זיין, ממילא איז די ערשטע זאך פון 'פקד' איז א לשון פון 'באשטומט', א לשון 'מינוי', א מענידזשער ווערט באשטומט צו מסדר זיין די זאך מתחלתו ועד סופו.

און דאס איז די לשון פון ציילן, א מענידזשער ציילט כסדר צו האלטן קאפ איבער די זאך, ער ציילט צו זען צו אלעס קלאפט. און דאס איז אויך די לשון פון געדענקן, נישט סתם די חוש פון 'זכירה', נאר אזא סארט געדענקן פון האלטן קאפ איבער די גאנצע פראדזשעקט, און דאס איז אויך די לשון פון 'חסרון' (ולא נפקד ממנו איש), ווייל דורכן מענידזשן און אויבזערווירן די זאך, זעט מען צו ס'ספעלט אדער נישט.

'אלה פקודי המשכן', די ארבעט פון די משכן איז געמאכט געווארן אורגענאזירט, ווי א גרויסע 'פראסעס' וואס ווערט אנגעפירט און מסודר דורך א מענידזשער, 'אשר פקד על פי משה', משה איז געווען איבער אלעס, און משה האט ממנה געווען 'איתמר בן אהרן הכהן', וואס ער איז געשטאנען אין דער שפיץ פון אלע לויים צו מענידזשן די גאנצע פראדזשעקט.

## שחיתות וקורופציה

ס'איז דא אזא מושג וואס הייסט 'שחיתות וקורופציה', דאס איז ווען 'עסקנים', ראשי העם והמדינות, פירען זייער לאנד לויט זייערע אייגענע אונטערעסן, זיי נעמען שוחד וכדומה. (אין די נייעס איז באקאנט אז מקען נישט אריינעמען אוקריינא אין נעטוא וויבאלד סאיז דארט צו סאך קראפשען).

די פסוקים אין פרשת פקודי שטעלן ארויס קלאר אז ס'איז נישט געווען קיין שום גניבות ביי די בנין המשכן, די זהב כסף ונחושת, אלעס איז געציילט געווארן, ס'איז גארנישט געווען אונטערן טיש, אלעס האט מען געוויסט פונקטליך ווי סאך ס'איז אריינגעקומען און ווי סאך ס'איז ארויסגעגאנגען. די חז"ל (שמות רבה נא) זאגן 'איש אמונות רב ברכות' דאס איז משה רבינו, וואס ער איז געווען א נאמן און ער האט נישט געזוכט רייך צו ווערן. און די מדרש פירט אויס בזה הלשון "כיון שבא ליתן חשבון אמר להם כך וכך יצא למשכן וביתר עשיתי משכן לעדות, הוי אלה פקודי המשכן משכן העדות".

מן הדין וואלט לכאורה נישט געווען קיין חיוב צו געבן א דין וחשבון, ווי ס'איז מבואר אין הלכות צדקה (יור"ד סימן רנז סעיף ב אז א ערליכע גבאי צדקה איז נישט מחיוב צו געבן דין וחשבון, אבער ס'שטייט דארט אז אלץ 'והיתם נקיים מה ומישראל' איז עס א גוטע זאך צו טון (אויב די עולם איז נישט צופרידען פונעם גבאי, און די רבנים פארשטייען די טענות פונעם עולם, איז יא דא א חיוב ארויסצולייגן די חשבונות ווי ס'איז מבואר דארטן אין ש"ך. ויש לציין לחגיגה ח ע"ב הקב"ה בוכה בכל יום וכו', פרנס המתגאה על הציבור).

די חז"ל זאגן אז משה רבינו האט משמש געווען אין די שבעת ימי המילואים 'בחלק לבן שאין בו אימרא', מיט א קלייד וואס

המשך בעמוד הבא

האט נישט קיין קנייטשן ביי די עקן, דאס הייסט א קלייד וואס האט נישט קיינע טאשן, כדי מ'זאל אים נישט חושד זיין אז ער האט עפעס באהאלטן אין די טאשן. אויך די בגדי כהנים האבן נישט געהאט קיין טאשן אלץ דעם. בעצם איז אונטערסאנט אז מ'זאל מורא האבן פון א 'חשד' אויף משה רבינו, נאר וואס דען משה רבינו האט זיך געוואלט האלטן ריין אינגאנצן, ער איז אוועק געשטאנען פון יעדער סארט זאך וואס קען נאר מעורר זיין עפעס א משהו חשד, מ'זאל אים נישט חושד זיין אז ער נוצט ח"ו אויס דעם ציבור פאר זיינע צרכים. (ועי' בבכורות דף ג 'וכי משה רבכם גנב או קוביוסטס היה, שלא ידע לבאר החשבונות של הכספים כאן בפרשת פקודי').

די סדר העולם איז אז מ'איז אסאך חושד די עסקנים און עוסקים בצרכי ציבור, ס'איז 'ממון ציבור', די געהארוועטע געלט פונעם ציבור, און די ציבור וויל מאכן זוכער אז זייער געלט ווערט פארנוצט פאר זייער טובה וועגן. נאכדערצו אז געוועהנטליך איז דער עסקן אסאך העכער, 'מי יאמר לו מה תעשה', ממילא איז די חוב מער אויפן 'עסקן' אז ער זאל זיך צו היטן פון יעדער סארט חשד, ווי איינער זאגט גיי רעכן דיך אויס מיט א ציבור. בפרט מצד די 'חילול השם', א עוסק בצרכי ציבור וואס האט פושע געווען, איז דאס א מורא'דיגע שטארקע חילול השם, ס'איז יתכן אז ס'איז די גרעסטע חילול השם, וואס מצד דעם אליינס פארלאנגט זיך א משנה זהירות מצד דעם עסקן.

אפילו ביי משה רבינו טרעפט מען אז די יודן האבן געהאט נסיונות, און מ'האט אים חושד געווען אז ער מיינט זיך, ביי עדת קרח האט מען אים חושד געווען מיט 'אלצפן בן עיזואל', אז די גאנצע זאך קומט פון פראטעקציע. וואס פון די מעשה קען מען פארשטיין פון וואס משה האט זיך אזוי שטארק געהוטן, וויסענדיג וואס ס'ווארט אפ פאר די עוסקים בצרכי ציבור. און פארדעם איז ער געווען אזוי נזהר אין די ענינים, ער האט געזאגט 'לא חמור אחד מהם נשאתי', אפילו דאס וואס איז זיך מיר געקומען, אפילו דאס האב איך אויך נישט גענומען, ווי מ'זאגט 'להוציא מלבם'.

די חז"ל זאגן 'הרוצה ליהנות יהנה כאלישע, והרוצה שלא ליהנות אל יהנה כשמואל', מעגן מעג מען הנאה האבן פונעם ציבור, אבער אויב די ווילסט זיין אויף די זוכערע זייט, דאן מאך זוכער אז ס'זאל נישט זיין אפילו וואס חושד צו זיין, לאמיר זיין אויף די פארזוכערטע זייט. און ס'איז כדאי צו מציין צו שו"ת חתם סופר (ח"ו סימן נ"ט) ווי סאך הארוואניע דאס קאסט "כל ימי הייתי מצטער על המקרא הזה והייתם נקיים מה' ומישראל, ושתי חובות אלו, נקיות מה' יתברך והנקיות מישראל עמו, הם שני רוכבים צמדים על גבנו, ויותר אפשרי לצאת ידי החוב הראשון היינו ידי שמים, יותר הרבה ויותר, מלצאת ידי הבריות".

## מלך וכהן

די הלכה איז מ'קען שטעלן א מלך צו דין תורה, אז מ'טראכט אריין איז דאס א מורא'דיג אונטערסאנט זאך, היינט פארשטייען אונז נישט וואס הייסט א מלך, היינטיגע צייטן א 'פרעזידענט' איז דאך ממש א ווערטל, מ'קען מאכן מיט אים וואס מ'וויל, מ'קען מאכן אויף אים אלע מיני בלבולים וכו'. אראפצורייסן א 'פרעזידענט' איז א ממש א קלייניגקייט, אבער אין יענע צייטן ווען ס'זענען געווען די עכטע מלכים, איז נישט געווען אזעלכע זאכן, אז די ביסט נישט געווען דרך ארץ'דיג צום מלך, האסט פארלוירן דיין קאפ, א 'מוריד במלכות' דארף מען נישט שטעלן צו דין תורה, ווי א גארנישט פארלירט ער דעם קאפ, און נאכאלץ האט געקענט קומען א מענטש און עדות זאגן אויפן מלך און אים משפט'ן אויף זיינע מעשים (כן איתא בסנהדרין ובקדושין, 'מוריד במלכות היא ולא צריך למידניה', וכן היא דעת הרמב"ם, אבל דעת התוס' דבצד מה צריך גם 'מוריד במלכות' לדין תורה, ועי' בנתיב במרומי שדה במסכת מגילה שמפשר ביניהם, דמן הדין מותר להורגו על אתר, אבל ממידת חסידות יש לדונו).

ביי די עכטע מלכים אין די היסטוריה איז זוכער געווען א דבר פשוט אז קיינער האט זיך נישט דערוויגט זיי עפעס צו זאגן, און כל שכן נישט זיי צו שטעלן צום משפט, אפילו ביי די מלכי ישראל זאגן די חז"ל אז היות זיי זענען נישט כפוף צו די תורה, איז מען זיי נישט דן אלץ סכנות נפשות, און מיט דעם אלעם האט מען דן געווען די מלכי יהודה, יעדער יוד האט געקענט רופן דעם מלך צו דין תורה, שטעל דיך פאר אז עפעס א פשוטע יוד, א ארבעטס יוד, א לא יוצלח, און ער רופט דעם קעניג צו א דין תורה, ממש א פלא.

די תורה איז די בעסטע באלאנס אויף 'קורופציה', פון איין זייט איז א 'מוריד במלכות' זייער הארב, מ'איז חייב מיתה אויפן פלאץ, ס'איז נישט קיין דומעקראטיה, מ'קען נישט טון וואס מ'וויל, אבער פון די אנדערע זייט דער מלך קען אויך נישט טון וואס ער וויל, מ'קען מאנען דעם מלך צו דין תורה.

די הלכה איז א 'כהן גדול' איז מען ממנה דורך א בית דין פון שבעים ואחד, ס'איז דא וואס זאגן די טעם אז ס'זאל נישט אין דעם קיין 'שחיתות' און 'קורופציה', אזיווי ס'איז טאקע געווען ביים בית שני אז מענטשן וואס זענען נישט געווען ראוי, האבן עס געקויפט מיט געלט און מאכט. איז אפצוהוטן פון דעם דארף דאס זיין דורך א בית דין פון שבעים ואחד.

**• נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה •**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**
**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**
**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**

עיצוב: י.ג. 8477-413-50-972+